גליון
# אמן ואמן
אמן יהא שמיה רבא מבורך
מאמן שישראל עונין
בגודל מעלת עניית "אמן" ו"אמן. יהא שמיה רבא" וקדושת בית המדרש | חודש אלול תשפ"ו | גליון ר"ל

לרגל הילולא קדישא של כ"ק הגה"ק מטאהש זי"ע ביום ז"ך מנ"א

# פועל'ן א רפואה און ברענגען לעבן פאר א איד איז גרינגער ווי פועל'ן אנדערע ישועות

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די ברכות וואס מיר וואונטשן זיך איינער דעם צווייטן "א גוטע וואך, א געזונטע וואך" זאלן ערפילט ווערן, און אז אלע אידן בכל מקומות מושבותיהם זאלן זיין געזונט און שטארק, און די קראנקע זאלן געזונט ווערן במהרה בימינו מיט א רפואה שלימה.

עס איז דא א באוואוסטע סתירה אין זוהר הק' איבער ווען עס ווערט איבערגעגעבן די קוויטלעך וואס מ'האט פארשריבן און פארזיגלט צום נייעם יאר. אין פרשת צו שטייט (ח"ג ל"ב ע"א), אז דער צייט דערפאר איז אום הושענא רבא. און אין פרשת ויחי שטייט (ח"א ר"כ ע"א), דהוא בשמיני עצרת.

אלע ספרים פרובירן צו פארענטפערן דעם סתירה, יעדער אויף זייער שטייגער. און הרה"ק רבינו מהרי"א מקאמארנא זי"ע שרייבט דערויף אין זיין פירוש "זוהר חי", אז אלע גזירות גיבט הקב"ה איבער פאר דעם בית דין של מעלה דן צו זיין דערויף, און זיי ענדיגן דן צו זיין און די קוויטלעך ווערן איבערגעגעבן אום הושענא רבא, אויסער דער ענין פון "חיי - לעבן", דאס האט דער אייבערשטער נישט געגעבן פאר בית דין, נאר דאס איז אין דעם אייבערשטנס הענט, און אפילו נאך וואס בית דין האט גע'פסקנ'ט האט נאך דער קעניג דער מעגליכקייט עס צו טוישן, און אט דער חלק ווערט געטוהן אין שמיני עצרת, ווייל "חיים" ציעט הקב"ה אליינס אין דעם טאג שמיני עצרת, עכדה"ק.

קומט אויס לויט דעם, אז צו פועל'ן א רפואה און ברענגען לעבן פאר א איד, איז מער גרינגער ווי פועל'ן אנדערע ישיעות, ווייל דאס איז נישט געוואנדן אין בית דין של מעלה, נאר אין די הענט פונ'ם הייליגן באשעפער, און קיין איין מקטרג קען דאס נישט ענדיגן.

כדי צו פועלן א רפואה שלימה פאר אלע חולי ישראל, וויל איך אייך געבן אן עצה, אז מיר זאלן זיך אלע איינאיינעם מקבל זיין צו פארעכטן דאס לייכטזיניגקייט אינ'ם ענין פון ענטפערן "אמן" און "אמן יהא שמיה רבא", ווייל חז"ל האבן דאך געזאגט (שבת קי"ט ע"ב) כל העונה אמן יהא שמיה רבא מברך בכל כחו קורעין לו גזר דינו של שבעים שנה, און ווי רש"י ערקלערט, בכל כחו "בכל כוונתו".

דעריבער, לאמיר זיך אונטערנעמען כאטש דעם פשוט'ן כוונה פון די ווערטער, וואס דאס איז: "עס איז ריכטיג די זאך אז דאס וואס מ'האט געלויבט דעם אייבערשטן, און עס זאל זיין זיין ווילן אז עס זאל מקויים ווערן במהרה", אזוי אויך, איידער א מענטש זאגט ארויס דאסווארט "אמן", זאל ער מכוון זיין און וויסן אויף וואס פאר א ברכה ער ענטפערט יעצט אמן, כדי ער זאל קענען האבן דעם ריכטיגן כוונה.

(מתוך ספה"ק עבודת עבודה שיח"ק פרשת יתרו)



לעילוי נשמת הרה"ק רבי ישראל מאיר בן הרב רבי אריה זאב זצ"ל בעל החפץ חיים
ולע"נ הרה"ק רבי משולם פייש בן רבי מרדכי ד"ע, אבד"ק טאהש - ולע"נ הרה"ק רבי חיים זאנויל בן הר"ר משה זצ"ל, האדמו"ר מריביניץ

# די הייליגע עבודה פונ'ם טאהש'ער רבי'ן זצוק"ל בנוגע "קדושת ביהמ"ד"



**עס איז באקאנט אז דער טאהשער רבי זכותו יגן עלינו איז געווען א נח לבריות, מיט זיין שמייכל צו יעדן איד, זיין סענסעטיוויקייט צו די געפילן פון אן אנדערן איד, מ'האט קיינמאל נישט געהערט פון אים קיין הויעך ווארט, איין איינציג מאל האט מען געזען ווי ער איז יצא מגדרו און פארפירט, און דאס איז געווען אויף די ענין פון "קדושת בית המדרש", און ער פלעגט מעורר זיין אז מ'זאל נישט רעדן קיין שיחת חולין "פון אדון עולם ביז נאך אדון עולם"**

**מען זאל וויסן און מען זאל געדענקען**

## אז די אלע וואס רעדן אינמיטן דאווענען האב איך נישט מיט זיי קיין שייכות!

זיי זענען מינים ואפיקורסים, כופרים באלקי ישראל, זיי זענען פון די יורדי גהנום רח"ל, ווער ווייסט ווער ווייסט צו זיי וועלן נאך האבן א תיקון. זיי פארטרייבן די שכינה פון דעם מקדש מעט, דאס איז ממש חורבן בית המקדש, וויי וויי אויף זיי.

**אין דבר העומד בפני תשובה! מען קען תשובה טון, אבער עס איז נישט אזוי איינפאל, עס איז גארנישט קיין חומרא, און עס איז נישט איבערגעטריבן, וואס איך זאג דאס איז די ווערטער פון אונזערע הייליגע חכז"ל, ועל ראשם דער אר"י הקדוש, ורב ייבא ועוד וכו'**

(אדמו"ר מטאהש בעל עבודת עבודה זצ"ל בדרשה קודם קבלת שבת שבת שירה תשמ"ז)

**טייערע אידן! אין דעם הייליגן יארצייט ווען איר ווילט צינדן א ליכטל לעילוי נשמתו הטהורה, ווען איר גייט ארויף אויף זיין ציון זיך אויסצובעטן אלס גוטס, ווען איר ווילט לערנען משניות אדער אונטערנעמען א קבלה טובה מאכט זיכער אז דער צדיק האט מיט אייך א שייכות! דורך דעם וואס איר זענט נזהר און אפגעהיטן שלא לדבר בשעת התפילה! ובזכות זה וועט דער צדיק זיין פאר אייך א ריכטיגער מליץ טוב!**

די צווייטע עובדא איז פארגעקומען ביום הפורים אין שנת תשמ"א לפ"ק, ביים שלחן הטהור "משתה היין", דער רבי איז דאן געזעצן מיט א געוואלדיגע דביקות. מען האט מעורר רחמים געווען פאר ישועות בכלליות ופרטיות, און עס האט געהערשט א גרויס התעוררות אין ביהמ"ד. בשעת'ן גראמען די חרוזים, איז געווען גרויסע בכיות, און ס'איז געווען קענטיג אויף די הייליגע צורה אז עס האט דעם רבי'ן זייער אדורכגענומען און ס'פלאמט ביי אים אינעווייניג אין הארץ.

פלוצלינג גיבט דער הייליגער רבי ז"ל א פרעג פונ'ם עולם: "**עטס ווילטס א ישועה"?!...**

דער ציבור איז געווארן מורא'דיג נתרגש, מען האט זיך פשוט נישט געראכטן אויף אזא שאלה, און קיינער האט גארנישט געענטפערט מחמת אימה ופחד.

דער הייליגער רבי ז"ל האט נאכאמאל איבערגעפרעגט די שאלה, און דאסמאל מיט גרויסע כוחות בקול גדול: "**עטס ווילטס א ישועה?!**"

די זקני החסידים וועלכע זענען געזעצן ביים טיש (הר"ר שמואל מאיר ל. ע"ה, ר' חיים זאב מ. ע"ה, ועוד) האבן אנגעהויבן צו ענטפערן: "**יא!**", און דער גאנצער ציבור האט נאכגעזאגט "**יא, יא!**"

האט דער צדיק אויף דעם געענטפערט מיט א געוואלדיגער התלהבות: "**רעדט'ס נישט ביים דאווענען! און נישט נאר ביים אייגענעם מנין, נאר אויב יעצט דאווענט מען דארט, זאל מען אויך נישט רעדן, וועט די שכינה הקדושה אונז געבן אלע ישועות!**" (מפי א' מזקני החסידים הי"ו)

**לעילוי נשמת רבן ומאורן של ישראל רבי משולם פייש בן רבי מרדכי ובן מרת צירל זי"ע - לרגל היארצייט ז"ך אב**